NYC Children

CHILDREN ARE NOT FOR $ALE

# פארשטייען קינד טראפיקינג און וואס איר קענט טון



**טונקל בלוי**
איז דער אפיציעלער קאליר פאר מענטשליכע טראפיקינג וואכזאמקייט און פארמיידונג. מיטן טראגן א טונקל בלויען בענדל העלפן מיר אויפטרייבן וואכזאמקייט איבער מענטשן טראפיקינג און קינד געשלעכטליכע אויסנוצונג.

## אויב איר גלייבט אז דער פערזאן איז אין באלדיגע געפאר, רופט **9-1-1**.

## אויב איר זענט פון **ACS**, פאוסטער קעיר, פארמיידונג סערוויסעס אדער יוגנטליכע יוסטיץ, ביטע אויך מעלדן:

- די ACS קינד טראפיקינג פאסטקעסטל אויף: Child.trafficking@acs.nyc.gov
- NYPD, נוצנדיג די OCFS-3922 פארם לויט 15-OCFS-ADM-16, פאר א קינד וואס פאלגט נאך דעם פעדעראלע אפטייטש פון געשלעכטליכער טראפיקינג. נאכ'ן אויספילן דעם פארם, אי-מעילט צו VED@nypd.org און Child.trafficking@acs.nyc.gov, און פאלגט נאך מיט א טעלעפאן רוף צו **212-694-3013**, אוועילעבל מאנטאג ביז פרייטאג, 10 צופרי ביז 6 נאכמיטאג. אויב איר אי-מעילט די LER נאך ביזנעס שעות, ביטע מאכט זיכער אז די נאכפאלגנדע טעלעפאן רוף ווערט געמאכט גלייך אויף דעם נעקסטע ביזנעס טאג.
- די NYS אפיס פון צייטווייליגער און דיסאביליטי הילף (OTDA) צו אנהויבן די קרבן באשטעטיגונג פראצעס פאר א קינד וואס קומט נאך די פעדעראלע אפטייטש פון געשלעכטליכע טראפיקינג. פעקסט די ניו יארק סטעיט רעפערראל פון מענטשליכע טראפיקינג קרבן צו **518-485-9611**

## ווען צו רופן אויב איר האט א לאגיש פארדאכט אז א קינד איז געווארן געטראפיקט:

## יעדער:

- דער נאציאנאלע מענטשליכע טראפיקינג האטליין אויף **888-373-7888** אדער טעקסט צו **233733**
- NYPD מענטשליכע טראפיקינג האטליין: **646-610-7272**
- אויב א קינד ווערט געטראפיקט און פעלט פון זיין היים אדער א פראגראם: ביטע באריכט עט דאס פעלנדע קינד צו לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און מעלדעט די נאציאנאלע צענטער פאר פעלנדע און אויסגענוצטע קינדער (NCMEC) אויף **1-800-THE-LOST (800-843-5678)**, אדער נוצט זייער סייבער טיפליין אויף **www.missingkids.com**
- אויב דער פארדעכטיגטער טראפיקער איז א עלטערן אדער פערזאן לעגאל פאראנטווארטליך פאר'ן קינד, אדער האט צוגעגעבן צום טראפיקינג סיטואציע דורך אביוז, מיסברויך אדער דעסטיטוציע: דער ניו יארק סטעיטווייד צענטראלע רעגיסטער פון טשיילד אביוז און מיסברויך אויף: **1-800-342-3720**
- אויב איר האט א סיבה צו גלייבן אז א יונגטליכע ווערט אביוזט אדער פארנאכלעסיגט בשעת'ן זיין פלאצירט אין רעזידענשאל קעיר, רופט די ניו יארק סטעיט יוסטיץ צענטער אויף **1-855-373-2122**

**אויסצוגעפינען מער, ביטע גייט צו:**
www1.nyc.gov/site/acs/youth/traffickedyouth.page אדער
“Browser > “NYC ACS Preventing Youth Trafficking

- **צו באריכטן געטראפיקע קינדער קעיסעס/קעיס נאכפראגעס:** Child.trafficking@acs.nyc.gov
- **פאר אינפארמאציע איבער אויפקומנדע טרעינירונגען:** Traffickingtraining@acs.nyc.gov
- **פאר קינד טראפיקינג דאטאבעיס (CTDB) נאכפראגעס:** CTDB@acs.nyc.gov
- **פאר נאכפראגעס איבער אוועקנעמען די אויסנוצער און גענג טאטוס:** Child.tattoo.removal@acs.nyc.gov

NYC Children

NYC Children | Child Trafficking Prevention and Policy

## אפיס פון קינד טראפיקינג פארמיידונג און פאליסי (Office of Child Trafficking Prevention and Policy, OCTPP)

אפטיילונג פון פאמיליע פערמענאנסי
\ (Division of Family Permanency)
אפיס פון עלטערע יוגנטליכע סערוויסעס
(Office of Older Youth Services)

Jess Dannhauser, קאמישאנער

Ina Mendez, דעפיוטי קאמישאנער

Sabine Chery, אסיסטענט קאמישאנער

Selina Higgins, LCSW-R, הויפט דירעקטאר, אפיס פון קינד טראפיקינג פארמיידונג און פאליסי

## וועגן די אפיס פון קינד טראפיקינג פארמיידונג און פאליסי

די ACS אפיס פון קינד טראפיקינג פארמיידונג און פאליסי (OCTPP) ארבעט צו ברענגן וואכזאמקייט וועגן טראפיקינג און העלפט אין טרעפן פאסיגע סערוויסעס גרייט צו העלפן געטראפיקטע און אויף-ריזיקע יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס. OCTPP ענטפערט נאכפראגן, שטעלט צו באראטונג און טעכנישע הילף, אנטוויקלט און שטעלט צו טרענירונג, האלט אויף די קינד טראפיקינג דאטאבעיס (CTDB) און ארבעט מיט סטעיקהאלטערס צו אנטוויקלן פאליסיס און פראצעדורן פאר בעסט פראקטישער ארבעט מיט געטראפיקע און אויף-ריזיקע קינדער.

OCTPP טוט אויך אנפירן ACS’ “Movin’ On”: **קינד טאטו אויסמעקן פראיעקט און נעץ**, וועלכע קאנצענטרירט זיך אויף רעפערעלס פאר טאטו קאנסולטאציעס מיט מעדיצינישע פראוויידערס פאר אויסגענוצטע און גענג פארמישטע יוגנטליכע.

## ווארענונג צייכענעס (רויטע פענער) פאר קינדער שלעכטונג און ארבעט טראפיקינג:

- לויפט אוועק פונדערהיים אפט און/אדער פאר באדייטענע צאלן פון צייט;
- ווייזט צייכענעס פון גייסטישע, פיזישע אדער געשלעכטליכע אביוז;
- האט א באדייטענע עלטערע שותף אדער פארברענגט אסאך צייט מיט א קאנטראלירנדע מענטש אדער עלטערע ערוואקסענער;
- צייכענעס אדער באריכטן פון דאמעסטישע געוואלדן/נאנטע שותף געוואלדן;
- זאגט ליגנט וועגן יארגאנג אדער טראגט א פאלשע פארם פון אידענטיפיקאציע;
- הויזינג ווערט צוגעשטעלט דורך ארבעטסגעבער;
- טוט שטארק פארמינערן קאנטאקט מיט פאמיליע, פריינד, אדער אנדערע הילף נעצן;
- ווייזט א סיסטעם פון בלייבן אין די היימען פון פריינט אדער א נישט לעגאלע פאראנטווארטליכע ערוואקסענער;
- האט נישט קיין חשק צו רעדן איבער וויאזוי זיי מאכן געלט, וואו זיי וואוינען, וויאזוי און ווען זענען זיי געקומען צו די .U.S;
- האט נישט קאנטראל איבער סדר היום און/אדער געלט;
- האט גרויסע סומעס פון געלט אדער טייערע זאכן וואס זי/ער קען זיך נישט לאגיש ערלויבן;
- פארמישט אין סיסטעמען אזוי ווי סאושעל סערוויסעס, PINS, געריכטן, וכדומה;
- ארבעט מער וואס ער אדער זי איז אין שולע אדער טוט נישט אפט גיין אין שולע;
- גייט דורך זעלבסטמארד טראכטונגען און/אדער דעפרעסיע.
- סיבות פאר וואונדן וואס שטימען נישט מיט זייער ערנסטקייט;
- האט געהאט מערערע געשלעכטליכע איבערגעגעבענע אינפעקציעס און/אדער אבארשינס;
- האט פארדעכטיגטע טאטוס אדער ברען צייכענעס (בראנדינג);
- ווייזט ארויס זייער קענטבארע געשלעכטליכע אויפירונג;
- צייגט צייכענעס פון געשלעכטליכע אביוז;
- איז נישט וויליג ארויסצוגעבן די לאקאציע אדער אינפארמאציע איבער עלטערן אדער קעירגעבערס;
- איז געצוימט אין קאמיוניקאציע און/אדער ווייזט זארגפולע, שרעקפולע, דעפרעסיע, איינגעבן, אנגעצויגן אדער נערוועזע אויפירונג;
- איז נישט וויליג אדער נישט פעאיג זיך צו אידענטיפיצירן אלס א קרבן;
- יוגנטליכע זאגט איבער די זעלבע מעשה אין די זעלבע וועג מערערע מאל, געבנדיג די אנשטעל אז די מעשה איז געווארן פארגעזאגט;
- האט מורא פון נאכווייען צו א שטאפל גרעסער ווי א סיטואציע (צום ביישפיל, זיין שפעט) פארלאנגט זיך.

## קינדער-ארבעט טראפיקינג:

ווען א קינד אונטער דעם עלטער פון 18 ווערט אריינגערעכנט צו דורכפירן ארבעט אדער סערוויסעס דורך קראפט, שווינדל, אדער צוואנג.

- קראפט: **ווען א מענטש קאנטראלירט אן אנדערע מענטש דורך געוואלד** איבערפאל, רעיפ, צוריקהאלטן עסן/שלאפן, געצווינגענע דראג באנוץ, אוועקכאפן
- שווינדל: **אויספאפן מענטשן צו עפעס וואס זיי וואלטן ענדערש נישט געטון** פאלשע ארבעט קאנטראקטן, צוזאג פון ליב האבן/הייראט, בעיט און סוויטש
- צוואנג: **נוצן דראונגען אנטקעגן די איבערלעבער אדער זייער באליבטע** דראונג פון צוריקשיקן אדער בלעקמעיל, חובות באנדעזש, געלאזט דראונגען, צוריקהאלטן געהאלט אדער לעגאלע דאקומענטן, פסיכיאלאגישער מאניפולאציע

## געשלעכטליכע טראפיקינג (פעדעראלע אפטייטש):

לויט די טראפיקינג קרבנות אפהיטן אקט (TVPA): "דאס אריינעמען, אויפהאלטן, טראנספארטאציע, פראוויזשאן, אדער נעמען פון א מענטש פאר דעם צוועק פון א קאמערציאלע געשלעכטליכע אקט"

## קינדער געשלעכטליכע טראפיקינג:

סיי וועלכע אינצידענט וואו א מענטש אונטער דעם עלטער פון 18 האט אויפגעטוישט א געשלעכטליכע טאט אדער אויסגעפירט עפעס אין אויסטויש פאר עפעס וואס איז ווערט. דאס איז באקאנט אלץ קאמערציאלע געשלעכטליכע אויסנוצן פון קינדער (CSEC).

## קינדער געשלעכטליכע טראפיקינג: די קאמערציאלע געשלעכטליכע אויסנוצן פון קינדער (CSEC)

סיי וועלכע אינצידענט וואו א מענטש אונטער דעם עלטער פון 18 האט אויפגעטוישט אדער צוגעשטימט צו אויסטוישן א געשלעכטליכע טאט אדער אויסגעפירט עפעס אין אויסטויש פאר געלט אדער אן אנדערע זאך וואס איז ווערט. דאס איז באקאנט אלץ די קאמערציאלע געשלעכטליכע אויסנוצן פון קינדער (CSEC).

קינדער געשלעכטליכע טראפיקינג קען אויך אריינרעכענען:

- אנטיילנעמען אדער צושטימען אדער פארשלאגן אנטיילצונעמען אין שלעכטונג אין אויסטויש פאר אן אפצאל, אדער פאר סיי וועלכע זאך וואס איז ווערט
- קינדער געשלעכטליכע אביוז מאטעריאלן (CSAM): געשלעכטליכע אויסגעשפראכענע בילדער, ווידיאוס, סאציאלע מידיע פאוסטס, אדווערטייזמענטס
- ציענדע טאנצן אדער פארשטעלונג
- זיך אויסטון
- באגלייטן סערוויסעס
- אויסטוישן שלעכטונג אדער עסן, קליידונג, א פלאץ איינצושטיין, אדער אנדערע גענעראלע געברויכן (דורכלעבן שלעכטונג)
- אויסטוישן שלעכטונג פאר פארלאנגטע זאכן

**CSEC איז א פארברעכן! עס דארף ווערן באריכטעט,**
**און פאסיגע סערוויסעס צוגעשטעלט צו איבערלעבער!**

## יוגנטליכע וועלכע זענען ספעציעל אויסגעשטעלט צו טראפיקינג רעכענען אריין:

- אנטלאפענע אדער היימלאזע יוגנטליכע
- קינדער אינעם פאסטער קעיר סיסטעם און/אדער יוגנטליכע יוסטיץ סיסטעם(ס)
- קינדער מיט א פארגאנגענהייט פון אביוז (ספעציעל געשלעכטליכע אביוז), מיסברויך אדער פארנאכלעסונג
- קינדער מיט א פארגאנגענהייט פון סובסטאנץ אביוז
- קינדער מיט דיסאביליטיס (גייסטישע קראנקהייט, דעוועלאפמענטל, פיזישע)
- LGBTQ יוגנטליכע
- אנטלאפענע, אימיגראנטן אדער יוגנטליכע וועלכע רעדן נישט קיין ענגליש

## וואס איז מענטשליכע טראפיקינג?

מענטשליכע טראפיקינג איז **היינטיגע שקלאפעריי**. מענטשליכע טראפיקינג פאסירט סיי ווען א מענטש טוט זיך אריינלייגן אין געשלעכטליכע און/אדער ארבעט סערוויסעס פאר די בענעפיט פון איינער אנדערש צוליב מאכט, שווינדל אדער צוואנג, אדער סיי ווען א יונגע מענטש אונטער די עלטער פון 18 איז פארמישט אין א קאמערציאלע געשלעכטליכע טאט.



## סארטן פון מענטשליכע טראפיקינג:

- ארבעט טראפיקינג
- געשלעכטליכע טראפיקינג
  - קאמערציאלע געשלעכטליכע אויסנוצן פון קינדער
- ארגאן טראפיקינג

NYC Children